# פרשת בלק ה' – י"ד תמוז תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת בלק***

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של החתן **נח אריה** (בן הר"ר מנשה יצחק הי"ו) **פריינד** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב יוסף ברייער** הי"ו, שהתקיים בניו ווינדזאר.

*

***יום שני פרשת בלק***

בשעות לפני הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אפרים בצלאל פריעדמאן** הי"ו.

*

***שבת קודש פרשת בלק***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכא בבית המדרש. **רבינו שליט"א** כיבד את הר"ר **אליעזר מרדכי שווארץ** הי"ו לשור ניגון, ואת הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו לשור אליהו הנביא. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים (מתוך הספר **שיח זקנים** חלק שמיני) מאת **הצדיקים לבית קאמארנא** (לרגל יומא דהילולא של **הרה"ק רבי יעקב משה מקאמארנא** זי"ע ביום ט"ו תמוז). בברכת המזון נתכבד הרב **שמחה קארניאל** שליט"א.

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

**די** וועלט זאגט א ווארט, וואס איך האב עס געזען די וואך צוברענגען פון **רבי אייזיק'ל קאמארנער זצ"ל**, אז ער שרייבט אין זיין ספר **נתיב מצותיך** (נתיב אמונה, שביל ד', סימן ה'), אז דער **רבי ר' אלימלך** האט געזאגט, אז אין די גמרא (סנהדרין צח:) שטייט די געוואלדיגע צרות, די חבלי משיח, וואס וועט זיין ווען משיח וועט קומען, אזוי ווייט אז רבי יוחנן האט געזאגט, ייתי ולא אחמיניה, משיח זאל קומען, אבער איך וויל נישט לעבן אין יענעם דור, איך וויל נישט צוזעהן די שוועריקייטן וואס יודען וועלן אדורכגיין. האט דער **רבי ר' אלימלך** געזאגט, אז עס איז אים א פלא, אז די הייליגע חכמים האבן נישט געזעהן, אז עס וועט אויפשטיין א מיילער, אזוי האט ער געזאגט אויף זיך, וואס ער וועט מיט זיין כח מבטל זיין די חבלי משיח, אז עס וועט נישט זיין.

**איך** האב געהערט פון מיין **טאטע** ז"ל, אז דער **שאמלויא'ער רב** האט געזאגט, אז דער **קול אריה** פלעגט אויך נאכצוזאגן דעם ווארט, און עס איז געווען ביי אים אזוי ווי א תוספתא מפורשת. עס איז געווען ביי אים אזוי קלאר די ווערטער וואס דער **רבי ר' אלימלך** האט געזאגט, אז עס וועט נישט זיין קיין חבלי משיח, אזוי ווי עס וואלט געווען געדרוקט אין א תוספתא.

**דאס** ווארט איז מיר אלץ געווען א פלא. ווי אזוי קען מען זאגן, אז די חכמים האבן נישט געזעהן א זאך וואס עס וועט זיין אין די שפעטערדיגע דורות? די חכמים האבן אלעס געזעהן! עס איז נישט געווען א זאך וואס די חכמים האבן נישט געוואוסט. ווי אזוי קען מען זאגן אז זיי האבן נישט געזען אז דער **רבי ר' אלימלך** וועט זיין שפעטער, און ער וועט מבטל זיין די גזירות. אבער איך האב יעצט געזען, אז דער קאמארנער שרייבט אזא לשון.

**איך** האב געזעהן שטיין, אז דער **בעלזער רב זי"ע**, פון ירושלים, ווען מען פלעגט צו רעדן פון די מלחמה, און די צרות וואס יודען זענען אדורכגעגאנגען, אז מען האט גע'הרג'ט אזויפיל יודען, און מען האט זיך אנגערופן, אז עס איז געווען חבלי משיח, האט דער **בעלזער רב זי"ע** זיך אנגערופן, מען קען נישט אנרופן אז דאס איז געווען חבלי משיח, ווייל חבלי משיח האט דער **רבי ר' אלימלך** מבטל געווען. - וואס עס איז יא געווען, האט ער נישט מסביר געווען. אבער על כל פנים ער האט אויך געהאלטן אז דער הייליגער **רבי ר' אלימלך** האט מבטל געווען די חבלי משיח, אז עס וועט נישט זיין קיין חבלי משיח.

**איך** האב געזען צוברענגען פונעם **סאטמארער רב זי"ע**, אז אין **דברי יואל** (מועדים, מאמר קנ"ח) בארירט ער אויך דאס, אז דער **רבי ר' אלימלך** האט געזאגט, אז עס וועט נישט זיין קיין חבלי משיח. און ער וויל פארענטפערן, ווי אזוי עס זענען געווען די אלע צרות וואס יודען זענען אדורכגעגאנגען ביי די קריג. און ער זאגט דערויף צוויי הסברים, איינס, אז עס קען זיין אז דער **רבי ר' אלימלך** האט מבטל געווען חבלי משיח בימיו, אבער עס איז שפעטער געווארן

א קיטרוג, און עס איז צוריק נתעורר געווארן. און דאס איז וואס מען איז אדורכגעגאנגען.

**צווייטענס** האט ער געזאגט, אז דער **חתם סופר** שרייבט אין **ספר הזכרון**, אז די טעם פארוואס דער אייבערשטער טוט מודיע זיין פאר די צדיקים די צרות וואס גייען קומען, וויל ער דען אז זיי זאלן זיך מצער זיין? נאר ער וויל אז זיי זאלן מתפלל זיין אויף די צרות, אז עס זאל אוועקגענומען ווערן, צו עס זאל גרינגער ווערן. וועגן דעם טוט דער אייבערשטער מודיע זיין פאר די צדיקים די צרות וואס גייען קומען. זאגט דער **חתם סופר**, אבער די צרות וואס דער אייבערשטער וויל נישט אז עס זאל נתבטל ווערן, דאס איז מען נישט מודיע פאר די צדיקים, ווייל זיי קענען עס ממילא נישט מבטל זיין, ווייל דער אייבערשטער וויל נישט אז מען זאל עס מבטל זיין, די צרות איז מען נישט מודיע פאר זיי, ממילא זענען זיי נישט מתפלל אויף דעם. האט דער **סאטמארער רב ז"ל** געזאגט, אז חבלי משיח וואס שטייט אין חז"ל, דאס האט מען זיי מודיע געווען, און וואס מען האט זיי מודיע געווען, דאס האט דער **רבי ר' אלימלך** געקענט מבטל זיין, אבער עס איז געווען אזעלכע צרות וואס מען האט זיי נישט מודיע געווען, און דאס האט מען נישט געקענט מבטל זיין.

**איך** האב געטראכט, אז עס קען זיין, אז דער פשט דערפון איז. זאת התורה לא תהא מוחלפת, די תורה ווערט נישט געטוישט. אין די תורה איז דא א פרשה פון תוכחה, אז טאמער מען וועט זיך נישט פירן ווי עס דארף צו זיין, איז אויסגערעכנט אלעס וואס וועט קומען. עס איז נישט דא קיין גרעסערע ראיה אויף אמיתיות התורה, ווי די תוכחה, וואס קיין שום אומה ולשון איז נישט אדורכגעגאנגען וואס עס שטייט אין די תוכחה, און עס איז מקויים געווארן די עונשים וואס עס שטייט אויף דעם וואס יודען וועלן נישט האלטן די תורה. עס איז דא עונשים וואס קומען אויב מען גייט אוועק פון דרכי התורה, דאס איז די פסוקי התוכחה. אבער חבלי משיח איז א צווייטע זאך. כדי משיח זאל קומען, איז דא געוויסע צרות וואס מען דארף אדורכגיין, וואס דאס האט נישט צוטון מיט א חטא. אזוי ווי עס איז דא חבלי לידה, איז דא חבלי משיח. דאס וואס דער **רבי ר' אלימלך** האט מבטל געווען חבלי משיח, האט ער נאר מבטל געווען די צרות וואס דארפן קומען אלץ א הכנה צו ביאת המשיח, דאס האט ער מבטל געווען. אבער טאמער מען פירט זיך נישט אויף על פי דרכי התורה, וואס עס איז דא די עונשים וואס עס שטייט אין פסוק, דאס ווערט נישט נתבטל. דאס איז בפירוש'ע פסוקים אין די תורה, און די תורה ווערט נישט נתבטל. די צרות וואס יודען זענען אדורכגעגאנגען איז, ווייל מען איז אוועקגעגאנגען פון דרכי התורה. די לעצטערע דורות זענען א גרויס חלק פון כלל ישראל אוועק פון דרכי התורה, און עס איז געבליבן נאר א קליינע מספר פון יודען וואס זענען געווען שומרי תורה ומצות, און דאס איז נישט נתבטל געווארן. נאר חבלי משיח וואס דארף זיין כדי משיח זאל קענען קומען, דאס איז נתבטל געווארן.

# פרשת פנחס ט"ו – כ"א תמוז תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת פנחס***

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **ישראל אשר פראמאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **בנימין שפיגעל** הי"ו, שהתקיים בראלי האטעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***יום חמישי פרשת פנחס***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **יונה זינגער** הי"ו. אחר התפלה התקיים מסיבת לחיים לכבוד השמחה.

*

***יום שישי פרשת פנחס***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הרה"ג רבי **מענדל פרענקל** שליט"א (ר"מ בישיבתינו הק'). אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והשמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת פנחס***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכא בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק בעל אהבת ישראל מוויזניץ זי"ע, ואחיו הרה"ק רבי חיים מאנטניא זי"ע** (מתוך הספר מפיהם ומפי כתבם). בברכת המזון נתכבד חדב"ן הרה"ג רבי **אהרן ישעי' ראזנער** שליט"א.

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

סיפר **הגה"צ רבי יוסף צבי דושינסקי זצ"ל**, שפעם אחת היה בקארלסבאד, והלך להתפלל תפלת מנחה אצל **הרה"ק בעל אהבת ישראל מוויזניץ זי"ע**, ועל הדרך נתלוה אליו איזה איש מאדערני, ואמר לו שגם הוא הולך להאהבת ישראל, מפני שיש לו כמה קושיות בעניני אמונה, שרוצה לשאול אותו. כשהגיעו היה עוד לפני זמן התפלה, **והרה"ק מוויזניץ** קיבל אנשים. והאיש הנ"ל נכנס ויצא מיד, שאלתי אותו מדוע יצא תיכף, אמר לי שכשנכנס וראה את צורת הרבי נשכח ממנו כל הקושיות, והבין שזהו מטעם שנבהל בראות פניו פעם הראשון, על כן יצא, ויסדר עצמו שנית מה שרוצה לשאול, ושוב יכנס. כן עשה, אמנם כשנכנס שכח פעם שנית מכל וכל, ופרץ בבכי. שאל אותו **הרה"ק מוויזניץ** לבכיה זו מה עושה, והשיב האיש שיש לו כמה ענינים שרוצה לשאול מאת הרבי, וכבר היה כאן פעם אחת ושכחם, על כן יצא וסדרם, ועתה נכנס שנית ושכחם עוד הפעם. אמר לו **האהבת ישראל**, 'אם שכחת הדברים מלשאול אותו, סימן הוא, שאינני צריך לשמוע דברים אלו, ואתם אינכם צריכים לשאול אותם'. ושח איתו (מה שלא רצה לספר אחר כך), וכשיצא ראיתי שלוה מאחד אבנט לתפלה.

**וביאר רבינו:** אז מען פארציילט א מעשה, דארף מען פארשטיין די מעשה. און עס דארף האבן א ביאור, דאס וואס מען דארף זיך אראפלערנען פון די מעשה. - עס איז דא א שטארקע קשיא. דער יוד האט געהאט קושיות, און ער האט געוואלט ארייגיין פרעגן, און ער האט פארגעסן וואס ער האט געוואלט פרעגן. האט ער אים געזאגט, אז דו האסט פארגעסן, איז א סימן אז דו דארפסט נישט פרעגן, און איך דארף נישט צו הערן. - עס איז דאך זיכער אז ווען דער יוד וועט ארויסגיין שפעטער, וועט ער ווייטער האבן די קשיות, עס איז אים גארנישט פארענטפערט געווארן, פארוואס האט ער אים נישט פארענטפערט די קשיות. ער האט דאך געטון דא א פעולה אז יענער זאל פארגעסן די קשיות וואס ער האט צו פרעגן, ער וואלט אים געדארפט לאזן פרעגן די קשיות, און נאכדעם עס פארענטפערן.

**דער** תירוץ איז, עס איז נישט קיין קונץ צו האבן קושיות. ווען א מענטש לערנט א תוספות, און ער פארשטייט נישט די תוספות, האט ער אויך א קשיא, אבער ווייל ער פארשטייט נישט די תוספות, איז די תוספות נישט געווארן אויס תוספות. ווען ער וועט פרעגן א צווייטן וואס פארשטייט בעסער, וועט אים יענער מסביר זיין די תוספות. - ווען ער האט א קשיא אויפן תוספות ווייסט ער מעיקרא אז ער איז נאך יונג, און ער פארשטייט נישט, אבער איינער וואס קען מער פון אים, פארשטייט מער פון וואס ער פארשטייט. ווען א מענטש איז יונג, און ער פארשטייט נישט א תוספות, ווי אזוי קען ער פארשטיין אמונה, ווי אזוי קען ער פארשטיין טיפערע זאכן. אז מען קען

דיר נישט מסביר זיין א תוספות, אז דו זאלסט עס קענען פארשטיין געהעריג, און דו ווייסט אליין אז דו קענסט עס נישט פארשטיין געהעריג, פארוואס זאלסטו קענען פארשטיין אנדערע זאכן. אנדערע זאכן מיינט ער, אז ער איז גענוג א חכם, אבער ער דארף וויסען אז אמונה איז א טיפער ענין וואס מען דארף זיך פארלאזן אויף דעם וואס מיר האבן מקבל געווען פון אונזערע עלטערן, און פון די גדולי ישראל וואס זענען אסאך קלוגער פון אונז, און זיי האבן שוין די אלע זאכן איבערגעטראכט אין די הונדערטער יארן וואס איז אדורכגעגאנגען, מיט אלע זייערע חקירות, און זיי זענען געקומען צו די מסקנא וואס מיר האבן מקבל געווען פון אונזערע אבות.

**פונקט** ווי ער פארשטייט, אז ער קען נישט פארשטיין א תוספות, און ווען ער האט א קשיא אויף תוספות, איז תוספות נישט געווארן אויס תוספות. די זעלבע איז ווען א מענטש האט אמאל קושיות וכדומה, דארף ער וויסן אז ער פארשטייט נישט, און ער קען נישט פארשטיין, און ער דארף נישט פארשטיין, און עס איז דא קלוגערע פון אים. ער פארשטייט נישט אסאך זאכן. אזוי ווי א קינד וואס מען קען אים נישט מסביר זיין אלעס, אזוי איז דא אסאך מאל וואס מען איז יונג, און מען פארשטייט נאך נישט, און מען קען נישט אלעס מסביר זיין.

**דער אהבת ישראל** געוואלט וויזן פאר דעם מאדערנעם יוד, דו האסט קשיות? אנדערע זאכן פארשטייסטו יא? א בלאט גמרא קענסטו יא לערנען? נאר קשיות אויפן אייבערשטען האסטו?! האט ער געוואלט וויזען, אז מען דארף נישט האבן קיין קשיות. דו דארפסט נישט פרעגן, און איך האב דיר נישט וואס צו ענטפערן. און דאס אליין איז געווען די לימוד וואס ער האט אים געלערנט, אז א יוד דארף זיך פארלאזן אויפן אייבערשטען.

*

**בעל האמרי חיים מויזניץ זצ"ל אמר בשם אביו הרה"ק בעל אהבת ישראל זצ"ל**, שלא מיבעיא מי שאינו מאמין בצדיק שאינו יכול להושע אצלו, **אלא אף אם יש בחדר הצדיק מי שאינו מאמין בהצדיק, גם כן מפריע להישועה.**

**והוסיף רבינו:** דאס איז א ווארט וואס שטייט שוין פונעם **ערשטען בעלזער רב זי"ע**. מען געפונט ביי אברהם אבינו, ווען די מלאכים זענען געקומען צו אברהם, און זיי האבן אים געזאגט, כעת חיה והנה בן לשרה אשתך, אז דאס קומענדיגע יאר גייט ער האבן א קינד. ותצחק שרה בקרבה לאמר, האט שרה אפגעלאכט, און זי האט געזאגט, אויף דער עלטער גיי איך האבן א קינד?! און דער אייבערשטער האט פארגעהאלטן, למה זה צחקה שרה וגו', היפלא מה' דבר (בראשית יח-י). עס איז א פלא אז שרה זאל אפלאכן, און דער אייבערשטער זאל זאגן היפלא מה' דבר.

**שטייט** פונעם **ערשטען בעלזער רב**, אז די טעם פארוואס זי האט געלאכט איז געווען, ווייל ישמעאל איז דארט געווען, עס שטייט אין פסוק והוא אחריו, אז ישמעאל איז געווען דארט אין שטוב (תרגום יונתן יח-י). שרה האט געוואוסט אז א ברכה וואס מען הערט פון א צדיק, טאמער עס איז דא איינער וואס גלייבט נישט דערין, קען עס שטערן אז די ישועה זאל נישט זיין. האט זי מורא געהאט, אז אזוי ווי ישמעאל איז דארט, און ער הערט אז מען וואונטשט אן פאר שרה אז זי זאל האבן א קינד, וועט ער דאך לאכן אז שרה קען נישט האבן קיין קינדער, און דאס וועט שטערן אז זי וועט נישט האבן די ישועה. האט זי געזוכט א עצה. איז זי געגאנגען און זי האט אליין געלאכט דערפון, צו ווייזען אז זי נעמט נישט אן ערנסט די ברכה וואס מען האט איר געזאגט. און אז זי נעמט עס אויך נישט אן ערנסט, וועט ישמעאל זיך נישט מאכן צו טון פון די ברכה, וועט ער עס נישט שטערן. דאס וואס זי האט אפגעלאכט, ותצחק שרה בקרבה לאמר אחרי בלותי היתה לי עדנה, דאס איז געווען ווייל ישמעאל איז געווען דארט, און זי האט מורא געהאט אז עס איז דא איינער וואס גלייבט נישט אין די ישועה, וועט נישט קענען זיין די ישועה.

**דער** אייבערשטער האט אבער געזאגט, דאס איז נאר א ברכה וואס מען באקומט פון א צדיק,

דעמאלס דארף מען זיין א מאמין אינעם צדיק, און טאמער איז דא איינער וואס איז נישט א מאמין שטערט עס. אבער א ברכה וואס מען באקומט פון א שליח פונעם אייבערשטען, א מלאך קומט אין נאמען פונעם אייבערשטען, געבן א ברכה, דאס ווערט נישט געשטערט, אפילו עס איז דא דארט איינער וואס איז נישט א מאמין.

**למה** זה צחקה שרה, פארוואס האט שרה מצחק געווען, לאמור האף אמנם אלד ואני זקנתי, היפלא מה' דבר, דאס איז דאך נישט א ברכה פון א צדיק, די ברכה איז דאך געקומען פונעם אייבערשטען, און א ברכה וואס קומט פונעם אייבערשטען, שטערט נישט אויב עס איז דא א צווייטער וואס איז מפקפק דערויף.

*

**הרה"ק רבי חיים מאנטניא זצ"ל** היה בבית החולים בקראקא קודם פטירתו, ובערב חנוכה אחר הצהרים אמרו עליו הרופאים שכמעט שאין לו דופק, והביאו לו מנורה להדליק בו נר חנוכה. וזה היה כשעה לפני הסתלקותו, ונסתלק בליל א' דחנוכה תיכף אחר ברכת שהחיינו. ואמר **הרה"צ מטאלנא זצ"ל** (מארץ ישראל) **שהרה"ק מאנטניא** שח פעם עם החסידים, למה אין מברכין ברכת שהחיינו על הפטירה, יען שעוברים מעולם עובר לעולם קיים תחת כנפי השכינה. וסיים, 'מיר וועלן זיך א עצה געבן'. ונסתלק בליל א' דחנוכה אחר ברכת שהחיינו כנ"ל. וכן **הרה"צ מטאלנא** נסתלק ביום א' דחנוכה.

**והוסיף רבינו:** די ביאור אין די מעשה איז, אז ער האט גערעדט פון דעם, פארוואס מען מאכט נישט א שהחיינו פאר מען גייט אוועק פון דער וועלט, און דער סוף איז געווען אז ער האט געמאכט א שהחיינו אויף די מנורה. כאטש די גמרא (שבת ל.) זאגט, אז אין מודיעין קצו של אדם, א מענטש ווייסט נישט ווען מען גייט אוועק פון די וועלט. דאס איז איינע פון די זאכן וואס דוד המלך האט מתפלל געווען, הודיעני ה' קצי (תהלים לט-ה), און דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אז מען איז נישט מודיע קצו של אדם. אבער פון די גמרא איז משמע, אז מען איז נישט מודיע קצו של אדם, 'ווען' מען גייט אוועק, אבער אין וואס פאר א 'טאג' מען וועט אוועק גיין פון די וועלט, דאס איז מען יא מודיע. ווייל פאר דוד המלך האט מען אויך מודיע געווען, אז ער וועט אוועק גיין פון די וועלט שבת. מען האט אים נאר נישט געזאגט, וועלכן שבת ער וועט אוועקגיין.

**איך** האב אמאל געהערט א טעם פארוואס מען מאכט מלוה מלכא יעדן מוצאי שבת, און מען רופט עס אן, אז דאס איז די סעודה פון דוד מלכא משיחא. ווייל דער אייבערשטער האט געזאגט פאר דוד המלך, אז ער וועט נסתלק ווערן שבת, איז ער יעדן שבת געזעסן און געלערנט, ווייל דער מלאך המות קען נישט שולט זיין אויף א מענטש בשעת ער לערנט. און דעם שבת וואס עס איז טאקע געקומען די צייט אז ער זאל אוועקגיין פון די וועלט, האט דער מלאך המות געמאכט א גרויסן גערודער אינדרויסן, און דורך דעם האט ער זיך געשטערט פון לערנען, און דעמאלטס האט אים דער מלאך המות געקענט אוועקנעמען פון די וועלט.

**קומט** אויס אז דוד המלך האט געוואוסט אז ער גייט שטארבן אים שבת, ער האט נאר נישט געוואוסט וועלכן שבת. האט ער יעדן מוצאי שבת געמאכט א סעודה, אז דער שבת איז אים אדורכגעגאנגען און ער איז נישט געשטארבן. קומט אויס, אז די סעודה פון מוצאי שבת איז די סעודה פון דוד מלכא משיחא, ווייל דוד המלך האט יעדן מוצאי שבת געמאכט א סעודה, אז דער שבת איז אדורכגעגאנגען, און ער איז נישט נסתלק געווארן, און ער האט נאך א וואך צו לעבן.

**זעהט** אויס, אז דער **אנטניא'ער רבי** האט געזאגט, אז ער וועט זיך א עצה געבן מיטן שהחיינו, אז ער האט געהאט א הרגשה אז ער וועט אוועק גיין פון די וועלט אין א צייט וואס מען זאגט שהחיינו, האט ער געזאגט, אז מיר וועלן זיך א עצה געבן מיט די שהחיינו וואס מען דארף זאגן.

**א** צווייטע ביאור איז, רצון יראיו יעשה ואת שועתם ישמע ויושיעם (תהלים קמה-יט), דער אייבערשטער טוט פאר א צדיק וואס עס איז אים ניחא. אז ער האט געהאט אזא געפיל, אז ער וויל

זאגן שהחיינו פאר ער גייט אוועק פון די וועלט, האט דער אייבערשטער געטון אזוי. רצון יראיו יעשה. דער אייבערשטער האט אזוי צוגעפירט, אז ער איז נסתלק געווארן נאכדעם וואס ער האט געזאגט די ברכה פון שהחיינו.

*

**הרה"ק בעל אמרי ברוך מוויזניץ זצ"ל** היה בעל מוח גדול, וכמעט שלא דיבר עם בני אדם, ולכן הסתובבו החסידים אצל בניו, האחים הק' **בעל אהבת ישראל**, **והרה"ק מאנטניא**. וכאשר נתוודעה להרבנית על החסידים שמסתובבים אצל בניה, רדפה חסידים אלו. פעם שאל לה בנה **הרה"ק מאנטניא**, האם אינך מתיראית מזה שאת רודפת יהודים. ענתה לו, 'יש לי בנים שיוציאו אותי מהבוץ'. אמר לה **הרה"ק מאנטניא**, אבל אמא, הכי יודעת את, האיך נראה האדם בשעה שמוציאים אותו מן הבוץ.

**ואמר רבינו:** ווען איך בין געווען א בחור האב איך געלערנט אין ישיבה מיט א בחור וואס איז נישט געווען קיין גרויסע זאכן, אבער ער האט זיך געהאלטן פאר א ברסלב'ער, און ער האט געהאט צוויי לאנגע פיאות. האט מען אים געפרעגט, פארוואס האסטו אזעלכע לאנגע פיאות, אין עפעס אנדערש ביסטו דאך נישט אזוי פרום. האט ער געזאגט, ווייל איך בין א ברסלב'ער, און רבי נחמן האט געזאגט, אז זיינע חסידים וועט ער ארויסשלעפן פונעם גיהנם ביי די פיאות, לאז איך מיך וואקסען צוויי לאנגע פירות, אז רבי נחמן זאל מיך קענען ארויסשלעפן פון גיהנם.

**והפטיר רבינו:** קען זיין אז רבי נחמן וועט אים טאקע ארויסשלעפן פון גיהנם, אבער ווען מען קומט ארויס פון די בלאטע, קומט מען אויך ארויס פארשמירט.

**זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל**